מאָסקווע, דעם 19טן יולי 1990

David Roskies
375 Riverside Dr. 4D
New York, NY 10025

ליבער דוד,

איך האָב זינט מײַן צוריקקומען פֿון אַמעריקע נאָך ניט באַקומען קײן בריוו ~~[illegible]~~ פֿון דיר, נאָר איך האָב יאָ באַקומען דײַן בוך Against The Apocalypse. א גרויסן דאַנק פֿאַר דעם. און איך האָף, אַז דאָס צווייטע בוך, וואָס דו האָסט אַרויסגעשיקט, וועט אויך אָנקומען אינגיכן.

איך האָב באַקומען אויך א פּעקל פּאַפּירן פֿון דוד פֿישמאַן מכּוח דעם מאָסקווער פּראָיעקט פֿון דיר. עס זעט אויס גראַנדיעז, אָבער דערווײַל נאָך א ביסל ניט דורכגעטראַכט אין פּרטים. איך האָב אָנגעשריבן דודן וועגן דעם. די אַנדערע פּראָבלעם איז די אינערלעכע לאַגע דאָ, אינעם לאַנד.

נאָר ניט דאָס בין איך אויסן. איצט האָב איך אָנגעהויבן שוין דאגעסען וועגן מײַן אײגענע פּאָזיציע דאָ. דאַכט זיך, אַז איך בין געווען דער ערשטער אין דער היגער ייִדישער סבֿיבֿה, וועלכער האָט נאָך געגלייבט, אַז ס'וועט זײַן מעגלעך א סטאַביל ייִדיש קולטור-לעבן. איצט האָב איך שוין פֿאַרלוירן מײַן גלויבן (אַפֿילו ווערגעליס רעדט שוין ניט וועגן דער ייִדישער אויפֿלעבונג דאָ). דעריבער טראַכט איך איצט וועגן דעם אַוועקפֿאָרן (אויב ניט אויף שטענדיק, איז כאָטש אויף א פּאָר יאָרן) פֿון דאַנען. און דעם פּרט וואָלט געווען זייער א גוטער אײַנפֿאַל, נאָר די גאַנצע זאַך איז נאָך ניט קאָנקרעט.

פֿון דער אַנדערער זײַט האָב איך באַקומען נאָך א פֿאָרשלאָג, און איך וויל האַלטן אין עצה מיט דיר. דאָ איז געווען פּראָפֿ. גרשון ווײַנער פֿון בר-אילן. ער מיט פּראָפֿ. דבֿ נוי האָבן געלערנט די ייִדיש-לערער אין אָדעס, אַזוי ווי איר האָט עס געמאַכט אין קיעוו. און זײַענדיק אין מאָסקווע, ווײַנער האָט מיך פֿאַרבעטן אויף א יאָר אין בר-אילן. ער איז גרייט געבן מיר די Fellowship; ד.ה. איך'ל זיך לערנען דאָרטן (מיט גאַנצער משפּחה), דערנאָך קען איך זיך אומקערן קײן מאָסקווע און שרײַבן די דיסערטאַציע. בכלל זאָגט ער צו, אַז איך'ל קענען באַקומען א שטעלע בײַ אים אויף דער קאַטעדרע, אויב איך'ל עולה זײַן אין ישׂראל. ער האַלט, אַז זײַנע קאַטעדרע וועט האָבן סטודענטן, וויל זי גרייטן די ייִדיש-לערער פֿאַר די שולן (און ער זאָגט, אַז ס'זײַנען פֿאַראַן באַ 50 שולן, וווּ מע לערנט ייִדיש ווי דריטע שפּראַך). ער האָט שוין דרײַ סטודענטן-עולים פֿון ראַטן-פֿאַרבאַנד, און וויל האָבן נאָך צוויי-דרײַ. איך בין באַ אים דער אײנציקער קאַנדידאַט אויף צו ווערן א פּראָפֿעסאָר פֿון ליטעראַטור. ער אַלײן קלײַבט זיך באַלד אַוועקגײן אויף פּענסיע, און וויל איבערלאָזן נאָך זיך די קאַטעדרע, וווּ מע לערנט אויף <u>ייִדיש</u>,

און ניט אויף עברית. דערבײַ האָט ער אַזוי ליב די סאָוועטישע ייִדן, און האָט ווייניק צוטרויען
צו די ישׂראלישע. ער איז מסכּים, אַז דער וויסנשאַפֿטלעכער ניוואָ איז בײַ אים אַ שוואַכער, נאָר
האַלט, אַז די אויסזיכטן צו קריגן אַן אַרבעט זײַנען מער ממשותדיקע.

וואָס וועגן דעם וויל איך דיך פֿרעגן: וואָס מיינסטו וועגן אַזאַ פֿאָרשלאָג? מיר געפֿעלט
זייער פֿונעם וויסנשאַפֿטלעכן שטאַנדפּונקט, אָבער בר-אילן האָט צוויי מעלות: אַ מעגלעכקייט
צו קריגן אַן אַרבעט, און צו זײַן אין ישׂראל. אַחוץ דעם, ווייס איך נאָך ניט, אויף וויפֿל רעאַל זײַנען
מײַנע פּלענער מכּוח דעם.

און נאָך אַ פֿראַגע: צי האָסטו באַקומען מײַן בריוו אין COMMENTARY וועגן דײַן אַרטיקל?
אויב יאָ, שרײַב, וואָס מיינסטו וועגן דעם.

איז איך בעט דיך, שרײַב מיר ביטע אַ בריוו, ווײַל דײַנע מיינונג איז פֿאַר מיר זייער
וויכטיק. במשך 2-3 חדשים דו קענסט שרײַבן אויף דעם אַדרעס:

DANIEL ROTHSTEIN
COUDERT BROTHERS
200 PARK AVENUE,
MOSCOW OFFICE
NEW YORK, NY 10160

און דאַן ראָטשטײַן וועט דאָס איבערגעבן מיר. דו קענסט אַרײַנלייגן
אַ קאַפּיטל אין פּאַקעט, אַז דער בריוו איז פֿאַר מיר, אָדער
אַרײַנלייגן אין נאָך אַ קאָנווערט. די דירעקטע פֿירמע האָט אירע
אייגענע פּאָסט, וועלכע גייט יעדע וואָך.

איך ווינטש דיר אַלץ דאָס בעסטע, און וואַרט אויף דײַן ענטפֿער,

זײַ געזונט, דײַן

מישע קרוטיקאָוו.